גיי זיי א חכם מכל אדם,
אין א ווייבערישן גן־עדן,
אז מ׳האט זיך רק ארומגעריסן.

איין קלוג נאר אן געוויסן,
מיט א נעזל הויך און פאריסן,
דאס שנירל אלץ איבעריסן.

## געווידמעט צום 40׳סטן יאר „לשון און לעבן“

איוב כ׳שטיי דא איצט ביי דער טיר,
„לשון און לעבן“ כ׳פארקויף,
וועט מיט אונז יידן יידיש,
בלייבן ביזגל צום אין סוף.

ממש א טויטער כ׳שטיי שוין,
און דער מסחר גייט א גאנג — —
ווילאנג איך וועל נאך שטיין דא?
אייביק ס׳יידישע געזאנג:

פאר גן־עדן טויער נאך
מיט לשון לעבן כ׳וועל שטיין,
און מיין ערשטע קונהטע,
די מאמע רחל וועט זיין.

אויך די שכינה הקדושה,
איך זי „העפטל“ קויפן וועט,
„איז דאך שוין יידיש כשר“!
אזוי אין גן־עדן מ׳רעדט . . .

מיט אירע גוטע אויגן,
זי קוקט מיך מאמעדיק אן
„שומר אין דער יד שטעקן,
און וועסט זיצן איבן אן“!

„ליבע מאמינקע רחל,
אן דער באבעשיס „לב טוב“,
אן זיידנס „קב הישר“,
גאנצער גנ־עדן תפילת שוא“.

---

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

481 | 40סטער יארגאנג | אקטאבער 1979 | לאנדאן

א י נ ה א ל ט — זייט

הערבסט און ימים נוראים־לידער ........ א.נ. שטענצל 3
פ. שילער און די שליחות פון משה רבינו ........ פראפ. סול ליפצין 16
עס לוינט ניט צו טראכטן ........ עלא זילבערג 22
אסקאר ווײַלד און די מאדערנע וועלט ........ משה דאמב 23
א דיאמאנטענע חתונה ........ אייזיק גאלדבערג 26
הול המועד ........ אסתר ערליכמאן 2צ
רויזעלע פון גראנאדא ........ דויד בערמאן 29
גרויסער פעסטיוואל פון יידישן געזאנג ........ סעם גאלדבערג 30

רעדאגירט: **א. נ. שטענצל**
פרייז: 30 פענס
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראוו, א.1.

---

**מיט יראת-הכבוד שטייען מיר ביים פרישן קבר פון ח.ש. קאזדאן.**

דער בונד אין לאנדאן און פריינט פון יידיש לשון

Published and edited by A. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, and printed in England by Cazenove Printers, 9 Cazenove Road, London, N16 6PA. (01-806 1026)

גיי זיי א חכם מכל אדם,
אין א ווייבערישן גן־עדן,
אז מ׳האט זיך רק ארומגעריסן.

איין קלוג נאר אן געוויסן,
מיט א נעזל הויך און פאריסן,
דאס שנירל אלץ איבעריסן.

## געווידמעט צום 40׳סטן יאר „לשון און לעבן״

איב כ׳שטיי דא איצט ביי דער טיר,
„לשון און לעבן״ כ׳פארקויף,
וועט מיט אונז יידן יידיש,
בלייבן ביזגל צום אין סוף.

ממש א טויטער כ׳שטיי שוין,
און דער מסחר גייט א גאנג — —
ווילאנג איך וועל נאך שטיין דא ?
אייביק ס׳יידישע געזאנג :

פאר גן־עדן טויער נאך
מיט לשון לעבן כ׳וועל שטיין,
און מיין ערשטע קונהטע,
די מאמע רחל וועט זיין.

אויך די שכינה הקדושה,
איך זי „העפטל״ קויפן וועט,
„איז דאך שוין יידיש כשר״!
אזוי אין גן־עדן מ׳רעדט . . .

מיט אירע גוטע אויגן,
זי קוקט מיך מאמעדיק אן
„שומר אין דער יד שטעקן,
און וועסט זיצן איבן אן״!

„ליבע מאמינקע רחל,
און דער באבעשיס „לב טוב״,
און זיידנס „קב הישר״,
גאנצער גנ־עדן תפילת שוא״.

---

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

481 | 40סטער יארגאנג | אקטאבער 1979 | לאנדאן


אינהאלט


| | | זייט |
|---|---|---|
| הערבסט און ימים נוראים־לידער | א.נ. שטענצל | 3 |
| פ. שילער און די שליחות פון משה רבינו | פראפ. סול ליפצין | 16 |
| עס לוינט ניט צו טראכטן | עלא זילבערג | 22 |
| אסקאר ווײַלד און די מאדערנע וועלט | משה דאמב | 23 |
| א דיאמאנטענע חתונה | אייזיק גאלדבערג | 26 |
| הול המועד | אסתר ערליכמאן | 2צ |
| רויזעלע פון גראנאדא | דויד בערמאן | 29 |
| גרויסער פעסטיוואל פון יידישן געזאנג | סעם גאלדבערג | 30 |



רעדאגירט : **א. נ. שטענצל**
פרייז : 30 פענס
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראוו, א.1.


---

**מיט יראת-הכבוד שטייען מיר ביים פרישן קבר פון ח.ש. קאזדאן.**

דער בונד אין לאנדאן און פריינט פון יידיש לשון


Published and edited by A. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, and printed in England by Cazenove Printers, 9 Cazenove Road, London, N16 6PA. (01-806 1026)

## יידיש-לשון לעבט ווידער אויף !

פון פראנקרייך, ענגלאנד, אונגארן, מדינת־ישראל, שוועדן, די פאריי־ניקטע שטאאטן, יוגאסלאוויען און מערב־דייטשלאנד זענען געקומען יידיש־פארשער און ליבהאבער פון אונזער לשון קיין אקספארד אויף א קאנפערענץ בנוגע יידיש אלס שפראך און איר ליטעראטור.

אט די דאזיקע קאנפערענץ האט ממש מגלה געווען וואס א חלק פון די בעסטע אקאדעמישע ארבעטן ווערן היינט־צו־טאג געמאכט אויף פארשיידענע געביטן פון יידיש־שטודיען. אזוי, למשל, האט פראפעסאר חנא שמערוק פון דער ירושלימער אוניווערזיטעט, אן אויטאריטעט איבער יידישער ליטעראריי־שער געשיכטע, געהאלטן א פארטראג אויף דער טעמע פונם קעמברידזשער קאדעקס — א יידישער כתב־יד דאטירט 1382, וואס מען האט געפונען אין דער גניזה של מצרים און געפינט זיך איצט אין דער ביבליאטעק פון דער אוניווער־זיטעט אין קעמברידזש.

פראפעסאר וואלף מאסקאוויטש און ד״ר מאיר וואלף,ביידע פון ירושלים, האבן אפגעגעבן א באריכט איבערן פארטשריט פונם גרויסן ווערטער־בוך פון יידישן לשון, וואס דער פערטער באנד דערפון געפינט זיך שוין אין דרוק. עס איז אן אמביציעזע אונטערנעמונג צו דערקלערן יידישע ווערטער דורך יידישע ווערטער אן שום קיצור, אנגעהויבן נאך אין די 1950ער יארן מצד יהודה יאפע און יודל מארק, די וויכטיקסטע יידיש־פילאלאגן פון אונזער יארהונדערט.

פראפעסאר מארווין י. הערצאג פון דער קאלומביא אוניווערזיטעט אין ניו־יארק האט גערעדט איבער די פארשידענע יידיש־דיאלעקטן און ווי פארשפרייט יידיש איז געווען איבער כלערליי לענדער און געגנטן.

מען האט אויך דיסקוטירט א פלאן וועגן א געזעלשאפט אן אינטערנאציא־נאלע, וועמעס אויפגאבע עס זאל זיין צו שטיצן און פלעגן פארשונג אויפן געביט פון יידיש־לשון. צוויי וואכן נאך אט דער קאנפערענץ האט מען שוין אונטערגענומען געוויסע שריט צו פארווירקלעכן דעם דאזיקן פלאן.

עס איז ממש געווען כמעט א געניאלער געדאנק אפצוהאלטן אט די קאנ־פערענץ ביי אונז אין ענגלאנד, ווייל אין די בארימטע ענגלישע ביבליאטעקן געפינען זיך אזויפיל אלט־יידישע כתבי־יד, ווי אין דער באדלעיאנער ביבליא־טעק ביי דער אקספארדער אוניווערזיטעט, אין דער ביבליאטעקביים בריטישן מוזעאום דא הי אין לאנדאן און אין אנדערע אינסטיטוציעס. באמת, גרויס־ברי־טאניען פארמאגט דעם גרעסטן אוצר פון ערשט־קלאסיקע טעקסטן צום שטו־דירן אלט־יידיש און די יידישע ליטעראטור.

אבער נישט בלויז פון א היסטארישן שטאנדפונקט איז ענגלאנד אזוי וויכטיק פארן יידיש־פארשער, נאר מען מוז זיך דאך אויך רעכענען מיט די בעלעטריסטישע שאפונגען, וואס זענען דא דערשינען אין אונזער לאנדאן. דא ביי אונז האבן דאך געלעבט און געשאפן א היפשע צאל יידישע דיכטער און שרייבער, וועמעס ווערק זענען אויך פון גרויסער וויכטיקייט פארן יידיש־פארשער — איבערהויפט פארן היסטאריקער פון דער יידישער ליטעראטור אין אונזער צייט. [אן אויסצוג פון דוד קאץ׳ס ארטיקל, אורשפרינגלעך געדרוקט אין דער דזשואיש קראניקל, דעם 24.8.79]

* * *

וױ סמוטנע ס׳שטייען די ביימער,
עפעס שעפטשען זיי נישט צו פארשטיין ;
ס׳געזאנג פון פייגעלע אויף צווייג,
אנגעזאפט מיט א ביטער געוויין :

״אלע זיינען זיך צעפלויגן
און מיך געלאזן איינס און אליין ;
מיין טרויעריק, סמוטנע לידל
נישטא שוין ווער וואס וויל עס פארשטיין״.

הייבט עס די אויגן צום הימל :
״ווי וואונדערלעך הימליש אויסצוגיין !״
און אין דער קופע וועלק־בלעטלעך,
צופוסנס פון בוים פאלט עס אריין.

## אלול

וױ מיסט וואלגערן זיך —
די בלעטער פון די בוימער !
בלויז איז נישט אויך אזוי,
דער אימשטערבלעכער טרוימער.
שכר דערפאר וואס ער טוט,
עס וויל דאך נאר דער חומר.

ס׳צייטיקט בלויז די פירה,
צו דערנערן דעם זוימען — —
טרעטסט אויף די בלעטער, הערסט
און ווערסט ממש נשתומם ::
״ס׳איז דאך דאס פותר זיין
דער עיקר — נישט דאס טרוימען !״

## אלול-באלאדע

אויפן קוימען שטייט א שוואלב,
הער, א ״ממקומך״ זי זינגט —
גאנצער ארום און ארום
גין־גאלדן גלעקל צעקלינגט.

וױ הימליש־רויט איר בעקל !
שטילינק זי הערט זיך צו,
זון פון א לאנגער נסיעה
זעצט זיך א מידע צורו.

פון אלע זייטן שטערן
צולויפן זיי קומען אן,
זון־פארגיי נאכצוקוקן,
לבנה פון אויבנאן.

שיינט זי פון גרויס פרייד, פון לייד ?
אינם רעכטן אויג א טרער !
״הימלישער וואגן״ שטייט גרייט,
זע, אויף משיחן ווארט ער --
— — — — — —

ווילאנג וועט עס דויערן ?
א, ער מוז דאך קומען באלד !
לבנה פארשעמט פארגייט,
שטערן לעשן זיך — בררר — ווי
— — — — — קאלט.

פאר פענסטער באגינען די שוואלב,
הער, ״ממעמקים״ זינגט,
און דער טוי פון די צווייגן
טריפנדיקע טרערן ס׳רינט.

# הערבסט-באלאדע

הויך אויף די דעכער אויבן
טויט-שטיל טוליען זיך טויבן ;
קאלט אויף פאטשענע-שטויבן,
ברעקלעך איצט אויפצוקלויבן.

אין וועטער קילן-קאלטן
מ׳מוז זיך וואו אויסבאהאלטן ;
נישט ס׳העלפט ווייגען, געוואלטן,
עס בלייבט תמיד ביים אלטן.

וויאזוי צוזען וועט ער —
הימליש-הייליקע געטער ! —
ביים זון-ווינט-ווילדן וועטער ?
ער מוז ווערן איר רעטער —
— — — — — —

מיט איינגעהאלטן ברומען
פארליבטער קריקגעקומען,
מיט ברעקלעך אונטער גומען —
זי זיס ווארקען גענומען :

"צי ביסטו כאטש א זאטער ?
גאט, מיט וואסער געמאטער
עס קומט אן אזא פלאטער — —
אט הוסטו גאר — א קאטער !

"אין דעם ווינט שארפן, קאלטן,
אין גומען גאר באהאלטן,
מיין לעבן צו דערהאלטן — — —
א, דער מוח קאן זיך שפאלטן !"

און מיט מלאכים-צונגען
מצווה-טענצל געזונגען,
וויאזוי אים געלונגען,
ברעקל נישט צו פארשלונגען —
— — — — — — —

הויך אויבן אויף די דעכער
ס׳געווארקע העכער, העכער —
ס׳איז זון קידושין-בעכער.
ווינט איר חתונה-פעכער.

## אין אן אלול-נאכט

טרויעריק ס׳קוקט לבנה,
אין אויג פינקלט א טרער ;
מיט א טיפן מיטלייד
ס׳קוקט אויף איר "גרויסער בער".

ברומט ווי פון בויך ארויס :
"רעד, זאג דאך וואס דער מער !
טאקע א בער, אבער
א הארץ כ׳האב און איך הער".

דרייט זי אויס דאס פנים,
קיין איינציקווארט נישט מער ;
און ווייטער געשוויגן —
אליין א גרויסע טרער.



## דער רבי ר׳ העשעלע

אין אן אלול-טאג דער פאטער
מיט זיין העשעלען שפאצירט האט ;
אין הימל זון אזוי לויטער,
אראפגעקוקט צו זיי ס׳וואלט גאט.

צו מוז מען געברויכן ווערטער,
אז הארץ צו הארץ שוין אליין רעדט ?
ארויסקומענדיק הינטער שטאט,
גיט טאטע העשעלען א גלעט :

"ביסטו נישט פארמאטערט, קינד ?
איך אליין שלעפ מיך שוין קוים".
און זיי זעצן זיך אנידער
אויף א באנק הינטער א פלוימען-בוים.

און ווי זיי זיצן אזוי שטיל,
פאלט אראפ א פלוים פון א צווייג,
און דער טאטע, מיט א שמייכל,
רייסט איבער ס׳הייליקע געשוויג :

"העשעלע, מיין קינד, דא האסטו
א פלאם צו גאט". ער עסט זי אויף :
"נאדיר, טאטע, א קער צו גאט",
ענטפערט אים העשעלע דערויף.

## גייענדיק פון סליחות

דאס לעצטע יאר אין דער היים
גייענדיק פון די סליחות,
סמוטנע דעם טאטענס גיין.

מיך אנגעקוקט און געטייטשט
דעם "ואל תשליכני" — —
און זיין קול פול מיט געוויין :

"א, גאט ווארף מיך נישט אריין
אין דער זקנה אויף איין מאל —
פאמעלעך, קימעה, קימעה" — — —

"ווי שיין אויך זקנה קאן זיין" . . .
איצט ערשט ווען כ׳בין עס אליין,
זיין טייטש ווי גוט כ׳קאן פארשטיין.

## תשליך האיאר

א

באגינעןביים אויפגיין,
בין־השמשות, ביים זון־פארגיין
וואס זעט מען? א ים מיט בלוט
און מ׳הערט כארכלדיק געוויין.

אז וואס איז דען א ים?
טרערן פון א צעשטערטער ערד!
זע, פון אונדזערער באלד
דער גרעסטער ים־הגדול ווערט.

ווי ס׳רוישן די כוואליעס — —
זיי באקלאגן וואס איז געווען!
א, דאס זעלביקע באלד
מיט אונזערע עס וועט געשען;

א ים פארגאסן בלוט,
אויפגעקאכט פון טיפסטן תהום,
צוגעפאלן צום ברעג,
אויסגייענדיק מיט גסיסה־שוים.

ב

. . . אויב איך לעב אזוי לאנג, ווייל מיין הארץ
ס׳איז דאס צינגל פון די וואגשאלן,
און עס מוז אויסצאפלען אזוי לאנג,
ביז פאר אלצדינג עס וועט באצאלן.

ווי ס׳צאפלט ארויף־אראפ דאס הארץ,
א רגע עס זאל שטילינק בלייבן;
מיטן לעצטן טראפעלע בלוט נאך
צאפלדיק אלצדינג צו פארשרייבן.

די האנט זי ציטערט שוין, אבער ס׳הארץ
ביז לעצטער רגע נישט אויפהערן — —
הארך ס׳קלאפן די וידוי־חטאים,
און טראפ־טראפ טריפן די טרערן.

ווארום וואס זיינען דען די טייכן?
אויב נישט די מענטשלעכע געוויינען!
און ערשט די טרערן־געזאלצענע,
די טיפע שבעה־ימים זיינען —
— — — — — —



## ערב יום כיפור ביי כפרות שלאגן

ערב יום כיפור נאך האלבע נאכט,
גאנץ בארדיטשעוו פול מיט הענער
געקריי,
כאפט זיך אויף רבי לוי יצחק,
אינמיטן חצות מיט א הילכיג געשריי:

דערבארעמדיגער, איינאיינציקער,
לאז מיך דאך זייער כפרה איצט זיין,
און זאל דאך איינמאל פאר אלע מאל,
משיח צדקינו שוין קומען צוגיין.״

זיין געוויין דעמלט אין יענער נאכט,
ס׳איז לבנה פון געוואלטיקע שרעק,
אונטער וואלקן פארקראכן, שטערן,
אוועקגעפאלן טיף אויף הימל עק.

## יום־כיפור היינט אין ווייטשעפל

נישט אויף זיין דין־און משפט־שטול
כביכול יום־כפור געזעסן,
אויף זיין כסא־הכבוד בענקל,
די זינדיקע וועלט גאנץ פארגעסן —

ביי א מארק וועגעלע ״ביי א בערע״,
עס זאל זיך כאטש איין ייד באמערקן,
אן אנגעלויף כל־המינים,
אינדישע, אראבער און טערקן.

מ׳זאל איין ייד זען ביי א ״בערע״
ווי אין אלע טעג אין־דער־וואכן!
יעדער אויף זיין פלאץ אין שול
דער שטן אין א לאך פארקראכן.

אין הפסקה פאר מנחה
מפטיר־יונה מען טוט קויפן;
צו א קראנקער אין דער היים
א מאמע פון ווייבער־שול טוט לויפן.

״היום הרת עולם״ היום,
וואס מסחרים, וואס אונז געלד לייזן?
איבערן אפענעם מחזור,
גאנצע וועלט פון זינד אויסצולייזן.

״היום הרת עולם, היום״,
א יאריד אויפן הימל!
מ׳זאל זען איין וואכנדיק.ן ייד
אויפן ווייטשעפל מארק־געטומל.

## ״פתח לנו שער בעת נעילת שער״

זי איז געבליבן די וואנט,
נישט נאר פאר מתפלל זיין;
מיט ווינענדיקן על־חטא,
זיך קלאפן אין הארץ אריין —
זיך צו שטעלן פאר ווענטל:
״דער שולדיקער איך אליין״!

אויב ס׳פאלטשע געשריי־געדריי,
ווייטער אזוי ס׳וועט אנגיין — —
ווי ציטריג ס׳צאפלט דאס הארץ,
מיט פארשטיינערטן געוויין,
ווי פון כותל כ׳וואלט געווען,
אן אפגעבראכענער שטיין.

## „ולירושלים עירך ברחמים״

אזוילאנג אויסגעהאלטן,
געיאגט און געטריבן,
און אין הארץ איינגעבאקן,
זי איז אונז געבליבן.

און איצט אויף דער גוטער לעצט,
זי אוועקצוגעבן,
מ׳וועט זיך דאך פשוט שעמען,
ווייטער־א צולעבן.

״ו—ל—י—ר—ו—ש—ל—י—ם״
גאט, ווי איז דיין רחמנות?
יא, ס׳הארץ קאן דאך, חלילה,
אויסגיין, בנאמנות—

## נ ע י ל ה [צום קאפיטל כד, שמואל ב]

א

זיי גרייטן זיך, די גוים,
שוין גאנץ אונז אויסצולייזן,
ס׳איז זיי ווייניק, אפנים,
זעקס מיליאן צו באווייזן.

די געהאפטע צייט באלד קומט,
און אין אטאם געניגן — —
איינס ס׳אנדערע אויף אייביק,
לעולם־ועד באזיגן.

די שטאט ירושלים
אן עדות וועט ווערן,
אז באצאלט געווארן ס׳איז
פאר אלע אונזערע טרערן.

ב

זעט, ר׳שטייט נאך יענער מלאך,
געזען די שקלים ציילן,
און נישט אונז — איינס ס׳אנדערע
זיך שוין נישט מער אויסקיילן.

און מקוים ס׳וועט ווערן,
אז ברידער אלע מענטשן,
און נישט מער קיין מלחמות,
קיין אקאפעס, קיין טרענטשן.

ירושלים איז גאנץ!
און וועלט נישט מער צעריסן!
און פון די פעלקער אלע
גערייניקט דאס געוויסן.

## די סוכה

אפגעדאוונט און אפגעפאסט,
הונגעריקע אהיימגעקומען,
נישט צום עסן זיך צוגעכאפט,
סוכה טאטע בויען גענומען.

דערנאך ערשט צום געדעקטן טיש,
צום פערפאסטן אין שטוב געגאנגען;
מיר קינדער, זי אויסצופיצן,
פייגעלעך מיר מאכן און ״שלאנגען״.

יעדע וואנט א ״כותל״ ממש,
מאמעס טערקיש טוך זיי באשיינען — —
ווען איך דערמאן פון דעם — — א,
קוים איך האלט מיך איין פון וויינען.



## דער ייד הקדוש גייט אין סוכה אריין

ווען דער ייד הקדוש איז
אין סוכה אריין געגאנגען,
גאנץ א צעטאנצטער געווען,
פול מיט הילכיקסטע געזאנגען:

א מצווה מ׳גייט אין איר אריין,
מיט אלע אברים און גלידער;
מ׳איז זי מקיים צומאל,
פארשלאפן מ׳פאלט אנידער.

״מיט אברהמען ביי איין טיש,
א סעודה עסן צוזאמען;
משה וועט תורה זאגן,
פון זיין מויל גיין ס׳וועלן פלאמען.

״א מצווה מ׳גייט אין איר אריין,
ווי מ׳שטייט און גייט — איינגאנצן!
מיט די בוטס, מיט די שטיוול״ — — —
גאנצער גוף גענומען טאנצן:

״דוד מלך ישראל,
וועט די זמירות ביים טיש זינגען״,
פאר גרויס פרייד נישט אויסצוגיין,
קוים געקענט זיין גוף באצווינגען.

## הושע־נא למענך אלוקינו הושע־נא

דער נר־תמיד פארן ארון־קודש,
פאר עמוד צוויי ליכטלעך ציטריג שטיין;
אינם מרה־שחוריקן שולעכל
א קנאפע עדה יידן. — קוים זיין.

מיך דעם צענטן גערופן מ׳האט אריין,
כדי דעם מנין משלים צו זיין;
צוויי לולבים ארום מעלעמער זיך דריי׳ן,
דער חזן האלט איינעם, דער רב איין —

א גאטס רחמנות שוין אויף גאט אליין!
ווי ווייט א קהילה קאן דערגיין — —
״הושע־נא למענך אלוקינו״,
מיינע אויגן טרערן איבערגיין.

## הושענא רבה

אויב מען וועט אונז איצט גאנץ פארטיליקן,
עס וועט אויך פון דיר קיין סך נישט בלייבן;
מ׳וועט דאך מוזן זיין שטארקער פון א גאט,
צי קענען נאך אין דיין שטארקייט גלייבן.

אויסגעקליבן זיך אן אומה ולשון,
איבער גארער וועלט ארומצוטרייבן,
אין די מיליאנען זיי אויסצוקיילען,
בערג קדושים אין הימלען דערהייבן —

״הושענא למלך אלוקינו״ — — —
אויב וועסט אונז נישט אצינד צונויפקלייבן,
עס וועט אויך פון דיר חלילה וחס,
קיין געדעכעניש נישט איבערבלייבן —
— — — — — — —

אן אויסגעקלאפטע הושענה חלילה,
אויף ארון־קודש דיך ארויפוואַרפן,
פונקט ווי אויף די ווערבע צווייגן דעמלט,
אויפגעהאנגען מיר האבן די הארפן.

## הקפות אן פענער

שמחת־תורה אן קינדער,
הקפות אן פענער — —
אזא טרויער ס׳נעמט ארום!
וואסער צוקונפט האבן שוין,
די ליכטיקסטע פלענער?

א, אן די ״צאן־קדשים״,
נישט העלפן קיין משקה!
וואגלדיגע שכורים,
פון איין האנט אין דער צווייטער,
גיין עס וועט די פלאשקע.

צו א צעפלאקערטן טאנץ,
די פיס זיך נישט הייבן — —
אן ״עוזר דלים״ יעדע,
הקפה — — א, די פינגער
קאנען מער נישט שרייבן —



## מיין ליד

כ׳וואלט שוין נישט געלעבט מער,
אן מיין שטילן ליד;
כ׳ווער דערין געהאלפן —
אין תפילה א ייד.

מיין פרייד דערין כ׳דערפיל,
מיין פיין דערין כ׳וויין אויס;
איך דערשפיר מיך דעמלט,
אין דער מאמעס שויס.

איך פיל ממש און ווייס
ווען ס׳ליד מיר געלינגט
די מאמעס וויגן־ליד
אין מיר שטילינק זינגט.

כ׳הער טאטן דאווענען
ס׳הארץ איבערגייט, ס׳זידט —
ווען איך שרייב בין איך,
א פינטעלע ייד —

איצט כ׳בין אלט און ס׳פינטלט,
נאך קוים שוין מיין ליד,
אין זייער שויס אריין,
כ׳דערשלעפ טויט־מיד.

## ״כשם שמקבלים שכר על הדרישה, כך מקבלים שכר על הפרישה״

אז איך האב פאר מיין דרוש
קיין שום שכר נישט געוואלט;
טייערער פון גין־גאלד —
דאס יידישע ווארט האלד!

א ליכטיקער בריליאנט
יעדעס יידישע ווארט —
אז עס גראמט זיך א ליד,
העכסטע ליבשאפט זיך פארט.

הארץ מיט מוח זיך זיווגט —
געבוירן א ליד ווערט!
א ליכטיקייט גייט אויף
אויף פארחושכטער ערד.

וואס מיינט מתודה זיין,
אויב נישט א יידיש ליד?
מחיהדיק פון געזאנג
ליגן בלייבן טויט־מיד.

## ר׳ לוי יצחק מבארדיטשעוו

ר׳ לוי יצחק בארדיטשעווער
אין דער פרי דאווענען געגאנגען,
דעם וואסער־טרעגער דערזען ער האט
מיט זיינע שווערע וואסער־קאנען,

מיט גרויס ליבשאפט אים ארומגעכאפט,
און אים ממש קושן גענומען,
און פונם גאנצן, טיפן הארצן
א תפילה זיך געטון צעברומען:

״גאטעניו, פיל דאך אן יעדע שטוב
מיט אלדאס גוטס, ווי ער מיט וואסער!
ס׳וועט דיר אסך לייכטער אנקומען — —
א, גאטעניו, דו קול מבשר.

טאטע־פאטער, דו וואלסט דיר אים
פאר אביישפיל כאטש גענומען —
קוק דאך אן די צוויי שווערער קאנען,
לייכטער ווי אים דיר אנגעקומען!״

## דער ״נודע ביהודה״

א

ווען דער ״נודע ביהודה״
אויפגענומען פאר פראגער רב,
האט גאנצע שטאט געקאכט מיט אים:
״אזא חריף, אזא חכם,
אין גאנצער וועלט נישט בנמצא!״



איז דער קעניג, מיט זיין סוויטע,
געקומען א שאלה פרעגן:
״איז עס אמת, איר מאכט טאקע
א ברכה ׳שלא עשני גוי׳?
״ס׳איז אמת״, האט ער געענטפערט.

און צוגערופן דעם שמש:
גיי, רוף אריין די רביצין!״
א יפת־תואר זי געווען,
ממש איינע אין גארער וועלט —
א ליכט־הייליקע צנועה.

״אדוני מלך, און יעדן טאג
כ׳זאג: ׳שלא עשני אשה!׳
דער קעניג זיך איבערגעקוקט
מיט זיין סוויטע און געשמייכלט — —
א, ס׳שמייכעלע זיינס דעמלט!

ב

אין זייער גרויסער מלחמה
זיינען זיי דעמלט געצויגן,
און א גאר גרויסן זיג געהאט,
וועלן זיי איצט דעם קלוגן ייד
אויך מנצח זיין קענען!

פראג געהאט האט צוויי טויערן,
פון מזרח זייט און מערב זייט.
ווען אהיימגעקומען פון זיג,
געזאגט האט ער צו זיין סוויטע:
״הייסט אויסברעכן נאך א טויער!״

דורך איר פלינק אריין מיטן זיג,
און דירעקט צום ״נודע ביהודה״:
״קאנסט מיר זאגן, רבי,
דורך וועלכן טויער איך בין איצט
אין שטאט פראג צוריקגעקומען?״

״מלך פורץ גדר״ האט דער
״נודע ביהודה״ געענטפערט — —
ס׳האט דער קעניג מיט זיין סוויטע
זיך איבערגעקוקט און די קעפ
געבויגן פאר פראגער רב.

## דער אבן-עזרא

אויף זיין וואנדערונג דער אבן־עזרא
דא אין ווייטשעפל איז שטעקן געבליבן;
מלמד ביי א רייכן ייד געווארן,
זיין פירוש אויף דער תורה אויפגעשריבן.

א גרויסער קמצן דער נגיד געוועזן!
און ביי אים פארדינט קוים וואסער אויף קאשע — —
האט ער עס געמאכט בתכלית הקיצור,
נישט אין מויל גרינג אריינגעלייגט ווי רש״י.

אז קוים געגוג ״פענעס״ פענעס צו קויפן,
אין זיין הארץ־בלוט געטון טוען זיי טונקען — —
אבער די וד״לס פאר מבינים,
ווי רייך צעפלאמען אין גליאיקע פונקען —
— — — — — — — —

אויף זיין וואנדער־וועג דער אבן־עזרא,
אין ווייטשעפל ער וואלט געבליבן שטעקן —
ווער ווייסט, צי ווינדערלעך אזוי עס וואלט,
אויפגעגאנגען זיין סענקעוואטע שטעקן?...

## די פטירה פון מאדזשיצער

ווען דער הייליקער מאדזשיצער
אויף גסיסה־בעט שוין געלעגן,
זיין לעצטן ניגון אויסזינגען,
פינגער צום טאקט זיך באוועגן:

נאך דער מינדסטער גאסן־בעטלער,
וואס קאן ער אויף זיי אויספייפן?
דאס העכסטע ערשט אויף טויטן־בעט
ס׳מענטשעלע עס טוט באגרייפן.

איז עס א מין געוויין געוועזן,
א טיף־געהייליקט זיס זינגען;
ווי מיט גין־גאלדענע גלעקלעך
גאנצער ארום מיט געקלינגען.



יא, עס איז דאס מין מענטשעלע,
אזא גאט־געבענטשטער זינגער;
דעם שענסטן ניגון אויסשפילן
אויף זיין גוף מיט מינדסטן פינגער.

אויף דער לעצטער קווינטע סטרונע,
ביז ס׳הארץ פון בענקשאפט טוט פלאצן — —
און ווי קאן מען אויף איר, א גאט,
דאס מיאוסעסטע אויספאיאצן?

אויף צוויי פינגער אין מויל א ליד,
ווי קאן מען הימליש אויספייפן;
דאס העכסטע טיף משיג צו זיין,
מיט מינדסט הארץ־סטרונע באגרייפן —

ווען שטילינק קוים נאך געשעפטשעט
ס׳האבן די הייליקע ליפן,
און גאנצער חדר פול געוועזן
מיט א ניגונדיק כליפן.

## שבת בראשית

צו דער לבנה דערגאנגען,
און וואס אלץ נישט דערגאנגען?
אבער צו זיך אליין,
קיינמאל נישט דערגיין —

קיינמאל עס נישט פארשטיין,
ווייל יעדער פון אויבן וויל שטיין.

ערשטער מאן און ווייב שוין,
נארט איינער דעם צווייטן;
די ערשטע צוויי ברידער,
איינס ס׳אנדערע טוט טייטן.

פאר טאטע־מאמע די יורשים
די גריבער טוען גרייטן —

אזוי ציען אן אויפהער!
דאס איינציקע וואס אונז געבליבן,
נישט צומאל דאס זיך ליבן — — —
ס׳איז די טרער. —

פון די ערשטע — ימים געבליבן!
פון אונז אויך נישט בלייבן מער.

## פרידריך שילער און די שליחות פון משה רבינו

במשך פון איבער הונדערט יאר האט מען געלייענט אין ברייטע קרייזן פון יידישער יוגנט און ענטוזיאזטיש אויפגענומען די שריפטן פון פרידריך שילער. אין די אויגן פון יענע, וואס זענען געווען אזוי פארכישופט פון דער השכלה, איז ער געווען ממש דער גרעסטער דיכטער און דראמאטורג, פרעדיקנדיק אינדיווידועלע פרייהייט און נאציאנאלע עמאנציפאציע: זיין הימן צו פרייד, וואס בעטהאווען האט אייגעקערפערט אין דער ניינטער סימפאניע זיינער, האט פשוט געריררט די יידישע הערצער מיטן רוף צו אוניווערסאלער ברודערשאפט און ארומצונעמען אלע קינדער פון דעם איינעם גאט. זיינע רעוואלוציאנערע דראמעס, אנגעהויבן מיט דער פריעסטער, "די רויבער" [1781] ביז צו דער רייפערער, "ווילהעלם טעל" [1804], האבן אנגעצונדן די איינוואוינער פון תחום־המושב צו טרוימען פון א יידישער נאציאנאלער ווידערגעבורט. זיין איינפלוס האט אדורכגעדרונגען די נייע, העברעישע ליטעראטור פון די משכילים און אויך די יידישע ליטעראטור, וואס האט אזוי אפעלירט צו די וויניקער געבילדעטע מאסן. דאך האט זעלטן ווער, צי בכלל עמיצער, גענומען אין אכט זיין פערזענלעכע אנטיפאטיע צו יידן אדער די פראזא־עסייען זיינע בנוגע דער ראלע פון יידן אין דער וועלט־געשיכטע.

ווען שילער איז געבוירן געווארן אין יאר 1759, איז די אטמאספערע אין ווירטעמבערג, דאס לאנד פון זיין געבורט, אלץ נאך געווען פארסמט מיט האס צו יידן. בלויז צוויי צענדליק יארן זענען פארביי זינט יוד זיס, דער ווירטעמבערגער פינאנסיסט, איז געהאנגען געווארן און דער קערפער זיינער איז געוויזן געווארן אין אן אייזערנער שטייג, כדי צו שטילן דעם צארן פון די מאסן, וואס האבן באשולדיקט אט דעם פאלאץ־ייד פאר זייערע ליידן פיל מער ווי זייער דוכוס. דער זכרון פון די מכלומרשטע פארברעכנס מצד דעם פארהאסטן ייד האט כסדר אנגעהאלטן ווי די אונטערדריקונג פון פאלק איז נישט געלינדערט געווארן. עס איז פאראן א מיינונג, אז שילער זאל האבן מאדעלירט דעם קאסינסקי־עפיזאד, אין "די רויבער", אויף א ספעציעל־שענדלעכער טאט, וואס מ׳האט צוגעשריבן דעם יוד זיס. און זיך פארגעשטעלט די רויבער, שפיגלבערג און שופטערלע, אלס נידערט.רעכטיקע יידן. עס איז אבער נישטא געננג באווייזן, אז דאס איז באמת געווען דער פאל.

עס איז אומוואַרשיינלעך, אז שילער האט געהאט עפעס א מגע־ומשא מיט יידן במשך פון זיינע פארמאטיווע יארן אין מארבאך, דאס שטעטל פון זיין געבורט, צי אין דער מיליטערישער אקאדעמיע, וואו ר׳האט שטודירט. די ערשטע קאנטאקטן מיט יידן, אוי פארצייכנט, זענען פארגעקומען ביים סוף פון זיינע צוואנציקער יארן, מיט א ייד א פראצענטניק אין לייפציג און אין די דרייסיקער יארן זיינע מיט א ייד א פארלעגער. דאס זענען געווען בלויז צופעליקע געשעפטלעכע באגעגענונגען און נישט קיין מזלדיקע. בשעת זיינע רייפערע



יארן אין ווייזמאר האט ער יא געהאט באציאונגען מיט געוויסע יידן, אבער עס האבן זיך נישט אנטוויקלט קיין באטייטנדיקע קרובהשאפטן מיט זיי. דער פועל־יוצא דערפון איז געווען וואס די לאגע פון יידן דעמאלט האט אים כלל נישט באאומרואיקט און די פאראורטיילן פון זיינע קינדער־יארן זענען נישט געשטעלט געווארן אין פראגע.

שילער איז נישט געווען בלויז דיכטער און דראמאטורג; ער איז אויך געווען א פילאזאף און א היסטאריקער.אלס פילאזאף איז זיין דויערהאפטיקעביישטייערונג געווען צו דער טעאריע פון עסטעטיק; אלס היסטאריקער זענען זיינע ביישטייערונגען געווען די וויכטיקע שטודיען אין שייכות מיט דער דרייסיקיעריקער מלחמה און מיטן אויפשטאנד פון די האלענדער קעגן שפאניען. שילער אבער האט זיך אויך באנוצט מיטן ביבלישן מאטעריאל צו זיינע היסטארישע שטודיען. אין פארלעזונגען, וואס ער האט פארעפנטלעכט אין יאר 1790, אונטער א לאנגן טיטל, "עטוואס איבער די ערסטע מענטשנגעזעלשאפט נאך דעם לייט־פאדן דער מאזאאישן אורקונדע", האט געלאזט זיין שעפערישער פאנטאזיע אנפילן די בלויזן אין ביבלישע דערציילונגען און זיין דראמאטישער טאלענט האט באלעבט מיטאסן איבער געוויסע ביבלישע פערזענלעכקייטן. דאס בילד זיינס פון משה רבינו איז שוין פארויסגעקומען דעם ארייננבליק און פאלשן וועג אין זיגמונד פרוידס ווערק, "משה און מאנאטעיזם" (1937—1939), און האט מסתמא טאקע באאיינפלוסט אט דעם פאטער פון דער פסיכאאנאליזע. די דאזיקע שטודיע, אנטהאלטן אין "די זענדונג מאזיס" (משהס שליחות), 1790, באלויכט שילערס באציאונג צום היסטארישן יידנטום, ווארום עס איז דאך געווען די היסטארישע ראלע פונם אלטן פאלק, פון וועמען דאס קריסטנטום איז אנטשטאנען, וואס האט אים פיל מער אינטערעסירט ווי זיינע יידישע מיטצייטלער, מיט וועמען ער האט געהאט וויניק צו טון און נאך וויניקער מיטגעפיל פאר זיי.

"די זענדונג מאזיס" (משה רבינוס שליחות), לכתחילה א פארלעזונג אויף דער אוניווערזיטעט אין יענא, האט אונטערגעשטראכן די גרינדונג פון יידיש־רעליגיעזן און נאציאנאלן וועזן דורך משהן אלס איינע פון די גרעסטע מענטשל.עכע דערגרייכונגען, וואס האט דויערהאפטיק באאיינפלוסט דור־דורות. לויט שילערס מיינונג, נישט דאס קריסטנטום נישט דאס מאכמעדאנערטום וואלטן אנטשטאנען ווען נישט די המצאות פון משהן, איבערהויפט זיין פאפולאריזירן דעם מאנאטעיזם. בעת דער גלויבן אין איין גאט האט אדורכגעדרונגען די מוחות פון איינצלנע הכמים צווישן די געצנדינער, האט ער אבער נישט דערגרייכט צו די מאסן, וואס האבן ווייטער כסדר געדינט צו מערצאליקע געטער. משה רבינו איז עס געווען, וואס בחסד עליון איז עס אים געלונגען איבערצוצייגן א גאנץ פאלק, די עברים, צו זיין די ערשטע אומה אנצונעמען דעם מאנאטעאיזם. לויט שילערן זענען די עברים עס נישט ספעציעל ווערט געווען צו שפילן אט אזא ראלע אין דער וועלט־געשיכטע. האט ער דאך זיי באטראכט פאר א מאראליש פארדארבענע נאציאנאלע גרופע סאי פארצייטנס סאי אין זיינע אייגענע טעג. אבער אזוי מאדנע זענען שוין די וועגן פון גאט: אט די

דאזיקע אומריינע כלי האט אנטהאלטן ווערטפולע באשטאנדטיילן פונם אמת, וואס זי האט אויסגעטיילט צו אנדערע איידער אט דער אמת האט זיך מיט רעכט פארשפרייט און אויסגעברייטערט. שילער האט ממש געגלויבט, אז ער איז געווען אומפארטייאיש גערעכט מיט זיין היסטארישן דין־וחשבון באהויפטנדיק ווי איבערטרייבעריש עס וואלט געווען צוצושרייבן די עברים עפעס א וויכטיקייט, וואס זיי האבן כלל נישט פארדינט. וואלט עס אבער פונקט אזוי געווען אן עוולה זיי צו פארלייקענען אט די דאזיקע איינציקע פארדינסטפולע דערגרייכונג — דאס אננעמען די געלונגענע לערעס פון משה רבינו.

שילער האט אנגענומען דעם באריכט אין דער תורה, אז א משפחה פון עברים וואס האט אנטהאלטן זיבעציק נפשות, האט אראפגעגנידערט קיין מצרים אויף דער איינלאדונג פון א פרעה, און האט זיך באזעצט אין לאנד גושן און אז אין משך פון פיר הונדערט יאר האבן זיי זיך אויף אזויפיל געמערט אזש אויפצואוועקן א מורא ביי א שפעטערדיקן פרעה, וואס האט געפילט, אז אט די דאזיקע פרעמדע אין דער מיט פון זיין לאנד קענען פארשטעלן מיט זיך א סכנה פאר דער מלוכה זיינער. אין פרעהס פארזוך צו מאכן פון די אומפארלעטלעכע און אומאסימילירבארע וואנדערער א פראדוקטיווע, זיצהאפטיקע גרופע און צו פארקלענערן זייער צאל דורך כסדר שווערערע מאסמיטלען פון שווערער ארבעט האט שילער געזעען פאליטישע חכמה. די עברים, וואס האבן שוין געהאט דערגרייכט צוויי מיליאן אין צאל, זענען געווען איינגעשלאסן אין אזעלכע אומדערטרעגלעכע אומשטענדן אין לאנד גושן, אז דער אומפארמיידלעכער פועל־יוצא האט געמוזט זיין אומריינקייט, פעריאדישע עפידעמיעס פון אנשטעקנדיקע קראנקהייטן, וואס האבן זיי פאראומווירדיקט אין די אויגן פון זייערע עגיפטישע שכנים. שמוציקייט און קרעציקייט, לויט שילערן, האבן שפעטער תמיד כאראקטעריזירט די יידישע תפוצות. צרעת, וואס האט געבוישעוועט צווישן די פארצייטיקע עברים אין מצרים, איז איבערגעגאנגען פון עלטערן צו קינדער דור־איין דור־אויס,פארניכטנדיק ביסלעכווייז יידישע ראסע. אלס זיינע אויטאריטאטיווע מקורות האט שילער אנגעגעבן געוויסע גריכישע און רוימישע שרייבער, וואס אליין האבן זיי זיך באזירט אויף די נישט־מער עקזיסטירנדיקע שריפטן פון עגיפטישן היסטאריקער, מאנעטא, פון דריטן יאר־הונדערט פאר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג.

בשעת די שטרענגע פארקנעכטונג און די צרעת, די יידישע קרענק, האבן נישט געקענט פארמינערן די עברים־באפעלקערונג, האט פרעה איינגעפירט א צווייט און נאך שטרענגער מיטל, וואס שילער ווארפט אפ אלס אוממענטשלעך. אלע הייבאמען האבן באקומען א באפעל צו טייטן די זכרים־קינדער ביי דער געבורט ביי די עברים. כדי זיך צו פארזיכערן, אז אזוי וועט עס זיין, האט מען ארויסגעלאזט געדונגענע מערדער איבער די וואוינונגען אין לאנד גושן און זיי האבן אומגעברענגט די קליינע יינגעלעך, וואס די הייבאמען האבן זיי פארשווינט. אזוי ארום האט מען געהאפט אויסצוראטן די פארהאסטע עברים־גרופע במשך פון געציילטע דורות. אזוי וואלט עס טאקע געשען, ווען נישט משה זייער אויסלייזער.



מיטן אויסטייטשן משה רבינוס ראלע האט שילער זיך געפונען פנים־אל־פנים מיטן זעלביקן פראבלעם, וואס דער ביבלישער געשיכטס־שרייבער — דעם אויסלייזערס אורשפרונג. אויב משה איז געווען א קינד פון די דערנידעריקטע און פארשקלאפטע עברים, פונוואנען און וויאזוי האט ער באקומען זיין וויסן פון די עגיפטישע פאלאץ־מאניערן, אזוי, אז ער האט געקענט פארהאנדלען מיט פרעהן, אדער די רעליגיעזע סודות, אזוי, אז ער האט געקענט דערגרייכן צום מאנאטעיסטישן גלויבן ? אויב, פון דער אנדערער זייט, ער גופא איז בלויז געווען אן עגיפטער, ווי קומט עס ער זאל זיך אינטערעסירן מיט די עקלהאפטע און קראנקהאפטע עברים, וואס דער הומאניטארער שילער כאראקטעריזירט זיי אלס די ווילדסטע, בייזוויליקסטע און מאראליש־פערדארבנסטע מענטשן אין דער וועלט, אן אומהעלדנמוטיק פאלק, כמעט גייסטלאז ווי בהמות ?

דער כוח פון דער השגחה, וואס רעגירט איבערן אוניווערז, האט געפונען דעם ענטפער : אט די השגחה האט גענומען אן עברים־קינד, עס פארטראגן פון זיין ווילדער אומה און עס געגעבן די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דער חכמה פון די עגיפטער. אויף אט אזא אופן איז אן עברי, דערצויגן אלס אן עגיפטער, געווארן דער אינסטרומענט, דורך וועלכן זיין פאלק האט זיך באפרייט פון שקלאפעריי. שילער האט נאכגעפאלגט די ביבלישע באשרייבונג פון משהן אין קעסטעלע אויפן געמויזעכטס אין טייך נילוס, ווי פרעהס טאכטער האט אים דערזעען און ווי זי האט אים איבערגעגעבן צו אן אם פון די עברים. אט פון איר, וואס איז איינגנטלעך געווען זיין מאמע, האט ער געלערנט דאס לשון און די אופנים פון דער פארקנעכטעטער גרופע און זיך אנגעפילט מיט מיטגעפיל לגבי זיי. ווען מען האט אומגעקערט דאס יינגל צו דער פרינצעסין, האט זי אים אדאפטירט פאר איר אייגן קינד, אים געגעבן דעם עגיפטישן נאמען משה און אים פארזארגט מיט א דערציאונג פון א פרינץ. אין די פריסטערלעכע אקאדעמיעס האט מען אים באקאנט געמאכט מיט די פארטגעשריטענסטע לערעס און מיט די סודות פון דער שטאאט־רעליגיע. אט די דאזיקע חכמה האט עס שפעטער געפונען אן אויסדרוק אין זיינע אייגענע מעשים און תורה.

דער באגריף פון מאנאטעיזם איז אנטשטאנען צווישן די עגיפטישע פריסטער צום אלעם ערשטן. דער אורשפרינגלעכער, גליקלעכער אנטדעקער פון אט דעם דערהויבענעם געדאנק האט נישט געוואנט אים צו פארשפרייטן בפרהסיא, פשוט ווייל ער וואלט אונטערגעגראבן דאס טעאקראטישע, פאליטישע געבוי, וואס האט זיך באזירט אויף פאליטעיזם. אבער צווישן די מיטגלידער פון זיין קרייז האט ער אויסגעזוכט טאלענטירטע, געטרייע תלמידים, וועמען ער האט געקענט איבערגעבן זיין הויך־געשעצטן ארייגבליק איבער דעם איינעם גאט. אט דער דאזיקער ארייגבליק, וואס איז איבערגעגאנגען במשך פון דורות פון איין דענקער צו אן אנדערן, איז סוף־כל־סוף געווארן דאס מיסטעריעזע אייגנטום פון אן אויסגעווײלטן קרייז א קליינעם פון פריסטער, וואס זענען געווען אימשטאנד משיג צו זיין זיין וויכטיקייט און אים ווייטער צו אנטוויקלען. צו אט דער דאזיקער אויסדערוויילטער גרופע האט משה רבינו באלאנגט, און

זיי האבן נישט פארהוילן פון אים קיין שום פריסטערלעכן סוד. די חכמה פון דער תורה איז מחמת דעם עגיפטישע חכמה.

הונדערט יאר פארן אנטציפערן די היעדאגליפישע אויפשריפטן בנוגע אכנאטאנס רעליגיעזע רעפארמאציע און הונדערט און פופציק יאר פאר זיגמונד פרוידס טעאריע וועגן אן עגיפטישן משה האט שוין שילער צוגעשריבן די מיסטעריעס פון מעמפיס און העליאפאליס צו די געהייליקטע זייערע צוזאמען מיט די חידושים, וואס זענען פארקערפערט אין דער תורה, ווי מאנאטעיזם, ספעציעלע תקנות פאר כהנים, מילה, דעם גלויבן אין אומשטערבלעכקייט (השארת הנפש), דעם ארון פון גאט און אפילו דעם נאמען פון העכסטן גאט איינער אליין. משמעות אז די דאזיקע לערעס און מעשים האבן אויסגעאיבט אן איינדרוק אויף משהן אין זיינע בילדונגס־יארן אונטער דער פריסטערלעכער השגחה, ער אבער האט פערזענלעך געמוזט זיין פארזיכטיק אין פארנעמען זיך מיט זיי. ווען ר׳איז געוועזן געצוואונגען צו אנטרינען פון מצרים דורך אן צו אימפולסיוון אומברענגען א מצרי, וואס האט געשלאגן אן עברי ביי דער שווערער ארבעט, האט ער דערנאך געפונען פרייע צייט בשעת דער איינזאמקייט זיינער אין דער מדבר איבערצודענקען איבערן גורל פון זיין אונטערדריקט פאלק ווי אויך איבער די רזין דרזין, וואס מ׳האט אים געלערנט. אין משך פון די פאלגנדיקע יארן, בעת ר׳איז געוועזן דערנידעריקט צו א לאנגווייליקער עקזיסטענץ אלס פאסטוך אין מדין, האט ער זיכער אפט זיך דערמאנט ווי ער איז אמאל געוועזן א פרינץ אין מצרים און א תלמיד פון טיפע סודות רעליגיעזע.

אינמיטן אט דער שטילקייט און איינזאמקייט אין דער מדבר איז אין אים אנטשטאנען דער באגער זיך אומצוקערן קיין מצרים און צו באפרייען זיינע ליידנדיקע מיטברידער פון זייער פארקנעכטעטער עקזיסטענץ. אבער קודם־כל האט מען געדארפט דערוועקן אין זיי האפנונג, מוט, זעלבסט־זיכערקייט און ענטוזיאזם. אט דאס האט מען געקאנט דערגרייכן נאר מיט אנפילן זיי מיט א גלויבן אין אן איבערנאטירלעכן כוח מן־השמים, וואס איז ספעציעל פאראינטערעסירט אין זיי. אויב ער וואלט בלויז געקאנט זיי איבערצייגן, אז ער אליין, משה רבינו, פאסטוך און א פרינץ, איז דאס ווערקצייג און שליח פון אט דער דאזיקער געטלעכער מאכט, וואלט ער געקאנט זיי ארויספירן פון קנעכטשאפט צו פרייהייט. קלאר, אזא ערב־רב פון עבדים־קנעכט, דאס אפפאלעכטס פון עגיפטן, האט נישט געקאנט זיין אימשטאנד משיג צו זיין אן אלוועלטלעכע, אבסטראקטע גאטהייט, וואס ער האט אנגענומען בשעת מען האט אים געגעבן צו פארשטיין אט יענע רזין דרזין, וואס זענען אנטפלעקט געווארן בלויז צו געציילט כהנים חכמים, אבער אפילו ווען עס גיט זיך אים איין צו באוועגן די עברים אויפצוכאפן דעם דאזיקן גראנדיעזן חזיון, וואלטן זיי דאך ממש נישט געקענט גלויבן, אז א גאטהייט מיט אזא פארנעם זאל זיך אינטערעסירן מיט זיי מער ווי מיט וועלכן ס׳איז אנדערן פאלק. דאך, אויב עס וואלט אים בלויז געלונגען צו אידענטיפיצירן זיין פילאזאפישן, אומזעבארן גאט מיטן נאציאנאלן גאט פון זייערע אבות און ער וואלט געקאנט זיי איבערצייגן, אז אט דער דאזיקער



גאט פון אברהם, יצחק און יעקב האט סוף־כל־סוף דערגרייכט צו אויבערהערשאפט און ס׳איז אים געלונגען א תל צו מאכן פון אלע אנדערע געטער, ווערנדיק אויף אזא אופן דער איינציקער און אלמעכטיקער הערשער איבער דער וועלט, וואלטן זיי דעמאלט געווארן נאכפאלגער פון דעם דאזיקן אלהי־צבאות, וועלכער איז בכוח אויפצוטון גרויסע מעשים לטובת זיי, אזש זיי לאזן דערגרייכן א נצחון איבער זייערע באדריקער. אזוי־א האט עס משה רבינו אונטערגענומען זיין דערציעריש שליחות אויסצוואווארצלען אבערגלויבנס, וואס האבן אזוי באדעקט דעם נאציאנאלן גאט פון די עברים־קנעכט און הויך צו דערהויבן דעם דאזיקן גאט צו העכסטער עמינענץ אין זייערע אויגן.

כדי מצליח צו זיין מיט זיין אויפגאבע, וואס ער האט זיך געשטעלט, האט משה רבינו געמוזט אנהויבן מיט באווייזן וואונדער. שילער, דער דעאיסט אינם יארהונדערט פון דער אויפקלערונג, מאכט די דאזיקע באמערקונג: „עס איז קיין ספק נישט, אז ער האט ווירקלעך באוויזן אט די וואונדער, אבער איך לאז עס איבער צו יעדן איינעם זיך משער צו זיין וויאזוי ער האט זיי באוויזן און וויאזוי מען דארף זיי פארשטיין". ווי ס׳זאל נישט זיין, שילער פילט, אז די וואונדער האבן דערגרייכט זייער צוועק. משהן האט זיך איינגעגעבן גובר צו זיין אלע מניעות ארויסצופירן זיינע מיטברידער פון מצרים. ער האט איינגעפלאנצט אין זיי א זעלבסטזיכערקייט, מוט, האפנונג און ענטוזיאזם. היות ער האט זיי בארויבט פון א לאנד, האט ער דאך זיי נישט געקענט איבערלאזן אין דער מדבר. ר׳האט פשוט געמוזט געווינען א ניי היימלאנד פאר זיי. דאס האט אים גענויטיקט אין צוצוגרייטן זיי צו דעראבערן מיט געווער א טעריטאריע אויף יענער זייט מדבר־סיני, א דעראבערונג, וואס נאר א פאראייניקט פאלק וואלט געקאנט אונטערנעמען; א פאלק, וואס וועט זיך נישט צעפאלן אויף באזונדערע שבטים, נאר וועט זיך לייטן פון אן אלגעמיינעם ווילן, אמבעסטן פארקערפערט אין א קאנסטיטוציע און א קאדעקס פון געזעצן, וואס זענען איינשטימיק אנגענומען געווארן. אט אזא איינשטימיקייט וואלט בלויז מעגלעך געווען אויב אלע געבאטן וואלט מען פארגעשטעלט אלס מצוות פון גאט. דעריבער האט משה רבינו, אט דער דאזיקער אויסגעצייכנטער שטאאטסמאן, זיי באגרינדעט אין געטלעכער אויטאריטעט. ר׳האט גענומען דעם גאט פון די עגיפטישע רעליגיעזע מיסטעריעס און אנטפלעקט זיינע פארבארגענע מידות פאר די עברים. אט אזוי ארום איז משה רבינו געווען די ערשטע פערזאן מגלה צו זיין צו א גאנץ פאלק געוויסע רעליגיעזע אמתן, איינשליסנדיק דעם באגריף פון אן איינציק דערהויבן וועזן, וואס ביז דעמאלט איז עס געווען דאס אייגנטום פון געציילטע מענטשן חכמים. אודאי האט ער נישט געקאנט געבן די עברים דעם שכל משיג צו זיין די נייע אמונה מיט זייער פארשטאנד, מחמת זייערע ראציאנאלע פעיקייטן זענען נאך נישט געווען גענוג אנטוויקלט, אבער ס׳האט זיך אים איינגעגעבן זיי צו באוועגן אנצונעמען אט דעם גלויבן בלינד אדאנק זייער בטחון אין זיין אנפירערשאפט און אזוי ארום שאפן דערמיט א באזע פאר א טעאקראטיע ביי די עברים. און אט אזוי איז עס געקומען דערצו, אז די עברים, וואס זענען עס נישט ווערט געווען, זענען געווארן די אומריינע כלי

פאר דעם לויטערן אמת פון מאנאטעיזם און זייער תורה, די רשימה פון זייערע רעליגיעזע דינים, צו פארקערפערן אין זיך דאס סאמע בעסטע פון עגיפטישער רעליגיעזער חכמה.

אין זיין עסיי איבער משה רבינו, געשריבן אין יאר 1790, איז שילער נישט געגאנגען אזוי ווייט ווי זיגמונד פרויד אן ערך הונדערט און פופציק יאר שפעטער, ווען ר׳האט באוויזן אז דעם דאזיקן נביא און געזעצגעבער פון זיין ידישן אפשטאם דורך וועלן אויפווייזן, אז ר׳איז געבוירן געווארן פון עגיפטישע עלטערן און נישט אז ער איז בלויז דערצויגן געווארן פון אן עגיפטישער פרינצעסין. אבער שילער איז אים דאך צופארגעקומען פרוידן מיטן נאכפארשן דעם מאנאטעיזם אין די עגיפטישע רעליגיעזע מיסטעריעס און א טייל פון די געבאטן אין דער תורה, וואס משה רבינו האט געמאכט ירשענען די יידן און דורך זיי דאס קריסטנטום און דעם איסלאם.

פון ענגליש איבערזעצט: **א. אלמוג**

עלא זילבערג —

## עס לוינט ניט צו טראכטן

וואס דער מארגן ברענגען
קען קיינער ניט וויסן:
צי וועלן מיר לאכן,
צי טרערן פארגיסן.
פארשלאסן, באהאלטן,
די צוקונפט פארבארגן;
עס לוינט ניט צו טראכטן,
עס העלפט ניט צו זארגן.

וואס נעכטן געוועזן
אין תהום איז פארגאנגען:
וואס געשען איז געשען,
אומזיסט דאס פארלאנגען;
שווער איז צו האלטן
די צייט אין די ראמען —
טרויער און פריידן
פארלויפן צוזאמען.

ניט דער מארגן, ניט נעכטן
באהערשן דאס לעבן,
עס העלפט ניט דאס ווינטשן,
עס לוינט ניט צו שטרעבן;
נאר דער היינט קען אונז פירן
צו זיכערע וועגן —
וואס וועט זיין איז פארהילט,
קיין שאלות ניט פרעגן...

## זי און איר הינטל

1

אזוי עלענט און פארלאזן
שטייט דאס הינטל
ביי דער טיר,
זיינע טרויעריקע אויגן
בעטן רחמנותדיק
צו איר.

2

דער בעל־הבית
האט מיך פארשטויסן —
איך בין צו אלט
פאר אים געווארן.
איך האב געדינט
און האב באשיצט אים
פאר אזויפיל
לאנגע יארן.



3

היינט, ווען איך קען אים
מער ניט נוצן,
ווען מיינע גלידער
קוים זיך האלטן,
האט ער מיך פאריאגט
פון וואוינונג
אין דער נאכט
פון ווינטער קאלטן.

4

איך האב ניט לאנג
צו זיין אין לעבן,
איך פיל מיין ענד
וועט באלד אנקומען.
״נעם מיך צו
כאטש פאר א ווײלע,
לאז מיך ניט
אין קעלט אומקומען!״

5

און די אלטיטשקע,
מיט טרערן
אין איר הארץ,
פארקלעמט מיט ליידן:
״קום אריין,
מיין אלטער חבר,
דאס שטיקל ברויט
גענוג פארביידן״.

6

אין א ווינטערדיקן
אוונט,
אין די גאסן —
פריילעך־קלאנגען,
נאר אין צימערל
דעם ענגן
צוויי נשמות
אויסגעגאנגען.

משה דאמב —

## אסקאר ווײלד און די מאדערנע וועלט און מענש

עדגאר אלאן פא האט אממייסטן באאיינפלוסט אסקאר ווײלדן מיט זיינע קרעץ און מוראדיגע דעמאנישע ערצעלונגען: ״די קרא״ אדער ״וויליאם ווילסאן״. אסקאר ווײלד, דער עסטעטיקער און שיינגייסט, שאפט ״דאס בילד פון דאריאן גרעי״ און ״דער ספינקס״ דארט שפיגעלט זיך אפ די טראגעדיע פון געשלעכטן ווו זיי ראנגלען זיך מיט דעמאנישע ליידנשאפטן, דער עיקר פסיכאאנאליטישע סיבה אין זיין אפשטאם. כדי צו פארשטיין ווײלדן מוז מען דערמאנען זיינע עלטערן און אפשטאם. זיין פאטער איז א באקאנטער דאקטאר אין דובלין, ער לעבט דורך א טראגעדיע און סקאנדאל מיט א שיין מיידל, זיינס א קליענטן, ער פארלאזט זיין קליניק און צוברעכט זיך אינגאנצן, ער שטארבט א שכור אין עלטער פון איינזעכציק יאר, זיין מוטער איז זער באגאבט און א פאעטין, דאס הויז פון די ווײלדס איז אפגעלאזט, ניט ריין, כאאטיש, סע האט אנטויטש זייערע פריינד.

אט דאס איז געווען די פסיכאלאגישע ירושה, אין וועלכער ווײלד הויבט אן זיין לעבן. א יינגערמאן איז ער געווען אפאטיש, קיינמאל ניט צוגעלאזן צו זיך

(אסימן פון פסיכאפאטישן ראנגלען אין זיך). ער׳ט געהאט א שטארקן גוף, א פיינעם הויכן שטערן, זער שיינע אויגן זענען א קאנטראסט צו זיין בלאס פנים, עמפינדלעכע ליפן, שלעכטע ציינער, לאנגע פארפומירטע האר. ווען ער ווערט בארימט, ווערט ער מער אפגעלאזן. אבער זיין אן־ספק אינטעלעקטועלער כח שאפט אים א דראמאטישן קאמפלעקס, וואס פירט אים איבערן גאנצן לעבן. ער באמיט זיך צו זיין אנדערש ווי דער ארום. דאס מאכט אים דענקען, אז דאס איז דער בעסטער וועג צו ווערן בארימט און פאפולער צווישן מענטשן. ער קלויבט ספעציעלע חברים, בגדים, זיין אופן פון רעדן און אין אלגעמיין זיינע גלייכוווערטלעך און אפאריזמען מאכן א שטארקן איינדרוק. ס׳איז אלעס ווערט צו טון כדי צופרידן צו שטעלן זיינע קינדעריש־נאאיווע קאפריזן. ער וויל דווקא זיין א משל פאר דער געזעלשאפט. ס׳איז זיכער דאס ער׳ט געוואלט זיין אנדערש ווי אלע אנדערע מענטשן. דאס ניט־דענקען וועגן אנדערע האט אים געפירט צום אומגליקלעכן סוף.

זיין בענקשאפט נאך א פרוי האט גערייצט זיין הארץ און מוח. נאכן איבערלעבן אזוי טראגיש מיט זיין פרוי, ווערט ער אנטוישט אין פרויען און ווערט א האמאסעקסואליסט. ער׳ט געזוכט די אידעאלע פרוי, אזוי ווי באלזאק, פושקין, מיצקיעוויטש. סע האט זיך אויפגעוועקט אין אים זיין פאטערס טראגעדיע.

אסקאר ווײַלד פארט קיין אמעריקע אויף פארלעזונגען. פרעגט מען אים דארט: ״מיט וואס, איינגנטלעך, קענט איר אונז רעפרעזענטירן?״ בליץ שנעל ענטפערט ער: ״מיט מיין פערזענלעכקייט, מיינע העררן...״.

אסקאר ווײַלד איז געווען א טיפיש כאראקטעריסטישער אינדיווידואליסט, אזוווי דאריאן גרעי און וויליאם ווילסאן. אין דעם בילד פון דאריאן גרעי באשרייבט ער דאס לעבן פונם מאדערנעם מענטשן. (אזא דאריאן גרעי איז געווען דער פוילישער שרייבער פזשיבישעווסקי). דאריאן גרעי מאלט זיין אייגענעם פארטרעט. דער פארטרעט ענדערט זיך ווי דאריאן גרעי ענדערט זיך אליין. ער איז א קלאסישע שיינקייט. די פיזישע שיינקייט בלייבט שטענדיק די זעלבע. דאס לעבן פון גרעי איז א סעריע פון ליידנשאפטן, אויסגעלאסנקייט און פארברעכן.

דאס בילד פון דאריאן גרעי האט אסך געמיינזאמעס מיטן לעבן פון אסקאר ווײַלד. ער געניסט צופיל פונם לעבן, מיט אלע פארגעניגנס און ליידנשאפטן. דאס ווילדע לעבן מאכט ניט דעם קלענסטן איינדרוק אויפן פיזישן צושטאנד, און אין זיין פנים שפיגלט זיך אפ די אייביקע שיינקייט פון דער יוגנט. דאריאן גרעי פארגעסט, אז סע איז דא א צווייטער איך, א סודותדיקער שפיגל פון דער נשמה, וועלכע לאזט זיך ניט ענדערן דורך די פיזישע אויסערלעכקייטן. מענטשן פארגעסן מערסטן אין דעם צווייטן אינערלעכן איך, זיי שרעקן זיך צו קוקן אין דעם סודותדיקן שפיגל פון דער נשמה. סע זענען דא געוויסע מענטשן אין מענטשלעכן לעבן ווען די נשמה פילט זיך פארלאזן און איינזאם. דאס איז דער



פסיכא־אנאליטישער שטריך אין זיך, וואס פארלירט דעם אינטערעס פאר פרעמדע דערשיינונגען און אינטערעסירט זיך נאר מיט זיך אליין. אבער אט דער מאמענט איז זעלטן, אבער איז זיכער דא אין מענטש. דאריאן גרעי ווייסט פון די מאמענטן. אט דאמאלט דערמאנט ער זיך אין זיין בילד. דאס ערגערט אים זער, ווייל דאס בילד ווייזט אים דעם טראגישן צושטאנד פון זיין נשמה. זיין פיזישער איך איז געבליבן יינג אין שטורם פון ווילדע ליידנשאפטן, אבער די נשמה איז געווארן אלט און שוואך און אפגעלעבט ווען ער קוקט אויפן בילד. ס׳איז ניט מער דער שיינער, שטאלצער דאריאן גרעי. ער זעט א מיאוס קאריקאטור־פנים. ער דערפילט דעם אמת, דעם מוראדיקן אמת. ער ווייסט, אז דאס בילד זאגט אים ניט ליגן. דער אמת פארפאלגט אים ביי טאג און נאכט. ער וויל צעברעכן דאס בילד. אט דאס צעבראכענע בילד צעברעכט זיין לעבן. ס׳איז באקאנט, אז אסקאר ווײַלד ווערט פארמשפט פאר האמאסעקסואליזם אין דער אלד־ביילי. ער ווערט איינפאך פארניכטעט דורך דעם אורטייל. ער׳ט פארלוירן אלעס. די פארלעגער האבן זיך אפגעזאגט צו קויפן זיינע ביכער. ער ווערט נידערגעשלאגן, פאראכטעט פון דער אריסטאקראטישער געזעלשאפט. ער שרייבט די באלאדע פון רעדינג־תפיסה. נאכן פארלאזן די תפיסה פארלאזט ער ענגלאנד.

אסקאר ווײַלד קומט קיין פראנקרייך. דארט לעבט ער אונטערן נאמען סעבאסטיאן מעלמאנטע. ער פילט זיך איינזאם, פארלאזן פון אלעמען. זיינע מאטעריעלע באדינגונגען זיינען שרעקלעך און אין יאר טויזנט ניין הונדערט שטארבט ער.

אויך די היינטיקע מאדערנע וועלט און מענטשן טראגן אין זיך דאס דעמאנישע, די מורא און שרעקן פארן אייגענעם צווייטן איך, וואס איז נידערטרעכטיק, אויסגעלאסן. ער צעברעכט זיך און אנדערע. דער אמת איז דאס די געזעלשאפט וויל ניט אנערקענען די קאמפליצירטע פסיכאלאגישע קאמפלעקסן. די ציוויליזירטע וועלט אנערקענט נאר דאס מאראלישע. ס׳איז א באוואוסטע דערשיינונג דאס דער מענטש איז א גיריק און קאמפליצירט באשעפעניש פול מיט קנאה, גיריק נאך כבוד און געלט. פאר דאס זעט מען דעם שטן פון דאריאן גרעי און וויליאם ווילסאן אין דער היינטיקער מאדערנער וועלט.

זיין ווערק, ״דער ספינקס״ איז א מייסטער ווערק. אויך דער מאדערנער מענטש איז א ספינקס, ווייל דער ספינקס איז דער סימבאל און טראגעדיע פונם מאן און פרוי מיט די ווילדע און דעמאנישע ליידנשאפטן. דער מאדערנער מענטש האט אסך אויגן, וואס זעען צופיל און פארלאנגען צופיל, דאס איז דער טיפער פסיכאלאגישער געראנגל כדי צו פארגעסן דעם טראגישן גורל, וואס די נאטור האט באשענקט דעם מענטש. די געזעלשאפט און די מאדערנע אומגעבונג וועט אפשר נאכגעבן און מוחל זיין דעם אומפארענדלעכן און אינערלעכן קאמפלעקס, וועט דער מאדערנער מענטש און די צוקונפטיקע דורות לעבן אין צופרידנקייט און פרייהייט.

## אייזיק גאלדבערג —

# א דיאמאנטענע חתונה

[געווידמעט מיין ליבער פרוי, צביה, און פאר מיר, צו
אונזער זעכציק־יאריקן חתונה־יובל]

א מנהג איז גאר געווארן
ביי פעלקער און ביי יידן,
אז מיטן חתונה־האבן
איז א פארל נישט אזוי צופרידן.

ערשט נאך דעם, נאך א זילבערנער,
גאלדענער חתונה־באנד,
ווערט ערשט זייער לעבן
שטארקער געבונדן ביי אנאנד.

נאך אט די אלע חתונות,
וואס איז דעם זיווג באשערט,
אז מ׳דערלעבט נאך א דיאמאנטענע —
דאס האט גאר א גרויסן ווערט!

דער קאמף פון פרילינג־זומער
מיט הארבסט און ווינטער,
אזוי אויך דאס לעבן
גיט זיך לייכט נישט אונטער

דעסגלייכן אויך דער מענטש;
אויך ער האט זיינע צייטן,
וואס אלץ ארום און מיט אים
טוט זיך שטענדיק בייטן.

פון א קינד ווערט א מענטש,
מ׳ווערט אלט און עלטער,
פון די לעבנס־פלאמען
ווערט מען קאלט און קעלטער.

אזוי גיך פארפליען די יארן,
ווי די פייל פון בויגן,
ס׳דאכט זיך אלץ איז
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן...

יא, אזא גרויסער מהלך
פון אלט ביז יונג,
ס׳דאכט זיך ס׳גאנצע לעבן
איז בלויז א קאצן־שפרונג.



עפעס א חלום איז נאר אלעס
ביז יעצט, און פון אמאל
פון יארן, וואס מען ציילט
שוין גאר אן א צאל...

אנדערש איז, אז מ׳בליקט
מיט אנדערע אויגן צוריק,
זעט מען מ׳ווערט מיטאמאל
גאר א דיאמאנט, אן אנטיק!...

טא וואס וויל מען מער נאך
פון דעם ביסל לעבן?
ווען גאט האט אויך נאך
אזא גליק דערצו געגעבן!

אלס טאטע־מאמע צו ציילן
דיאמאנטענע יארן אין פריידן,
מיט נחת פון אן עלטער־באבען
מיט אן עלטער־זיידן!..

מאי, 1979

# א פ ר ו [אויף א זומער־דאטשע]

פון דער שטאט און הארמידער,
פון דעם טומל קום איך אהער,
די שטאט מאכט מיך מיד און מידער,
מיין קערפער, גייסט און מיין געהער.

איך פיל מיך יעצט ווי צוגעבונדן
צו דער נאטור מיט איר פראכט,
צו די בוימער: בירקן, לינדן,
זון און הימל, טאג און נאכט...

קיין צייט פאר שיינקייט קאן מען האבן
קיין אויער פאר נאטורס הארמאני,
די צייט מוזטו אין שטאט נאכיאגן,
און דא שמעקט אלץ מיט פאעזי...

אומעטום נאר שטאלצע בוימער,
גרינע פעלדער ווייט און ברייט,
פייגל טשוויטשען, פייגל טרעלן,
אלץ איז, דאכט זיך, פאר מיר באריית.

דא פילט מען זיך ווי ניי געבוירן,
ווי אויף א נייעם, פרישן לאנד;
די שטאט ליגט הינטער מיר פארלוירן
מיט איר רייכקייט, האס און שאנד!

דא געהערט מען נישט אן קיינעם,
פריי אלס מענטש איז מען גאר,
נישט קיין ראמאן האס, אין איינעם
ביסט א קינד פון דער נאטור.

דאך מוז איך באלד פארשווינדן
פון דעם שיינעם, גרינעם לאנד;
מיין אפרו־צייט טוט מיר פארקינדן
צו מיינע פליכטן, צו מיין שטאנד!..

בערלין, 1932

אסתר ערליכמאן —

## חול המועד

אז דער זומער גייט אוועק און די טעג ווערן קלענער, און די זון באוויזט זיך זעלטענער, און די פעלדער און גערטענער ווערן ליידיק נאך דעם וואס זיי האבן אפגיטאן זייער ארבעט, און ארויסגיגעבן דאס נויטיגע און דאס בעסטע פאר באשפייזונג און די לופט ווערט קילער נאך ראש השנה, נאך יום כפור, נאך די פייערליכע הייליגע טעג, און די סוכה איז שוין אויך פארטיק, ווערט אויפן הארצן גרינג און פריילאך, נאכן דאווענען און פאסטן און בעטן דעם אויבערשטן צו פארגעבן די זינד פו א גאנץ יאר, וואס מעגליך אז מ׳איז גאר ניט זינדיק, אבער א מענטש זינדיגט אין דער מחשבה אויך, וויל מען אז אלץ זאל פארגעבן ווערן. און זייענדיק זיכער אז מ׳איז שוין ריין פון זינד, נעמט מען גרייטן צום שיינעם יומטוב סכות, און צו דעם חול המועד, וואס איז א געמיש פון יומטוב און וואכעדיגקייט, און וואס איז לויט מיין מיינונג גיגליכן צו א ניגידישן לעבן פון א גאנץ יאר וואס מ׳מעג ארבעטן אבער מ׳מוז ניט . . . ווייל אלץ איז אנגעגרייט. איז דער גרעסטער פארגעניגן פארן צו גאסט און צו אויפנעמען געסט, און די זיכערקייט אז מ׳האט שוין אויסגיבעטן א גוט יאר פאר זיך און פאר כל ישראל, אז איבער יאר זאל מען דערלעבן די חול־המועדס און קענען זיך זען מיט די ליבע געסט און עס זאל זיין שלום אויף דער גאנצער וועלט א ייד טאר ניט פארגעסן אז ער איז אין גלות און אז אויף דער וועלט זיינען פאראן שונא ישראל. אבער דערווייל דארף מען פריילאך זיין און טראכטן אז באלד וועט זיין שמחת תורה האט מען אויף גענומען די פאמיליעס, די באבע, דער זיידע, פאטערס און מומעס, מיין מאמע האט צוגיגרייט עפעס אזעלכע ווונדערליכע מאיכאלים וואס האבן פארשמעקט די גרויסע הויז נאר אויך דעם הויף. די גיטראנקען וואס מיין מאמע האט אליין גימאכט פון קארשן און פון שווארצע יאגידעס האבן גיגלאנצט אין די באיכיקע פלעשער און די גיבעקסן. ווו האבן דאס די יידישע מאמעס גילערנט און פון ווועמען? אלץ איז ארויסגיקומען און אויסגיזען ווי פון קינסטליכע הענט, און מ׳האט דאס אלץ אויסגישטעלט אויפן גרויסן קיילעכדיקן טיש פון עס צימער: די גיפלאכטענע חלה און נאך אזעלכע דריידלאך, די שיינענדיקע גיפעס און א פלעשל 90ער האט אויך ניט גיפעלט חול המועד מעג מען . . . האט מען גגעסן און געטרונקען און גילויבט דער בעל־הביתטע, גיזונגען און גישמועסט און די פנימער האבן גישיינט עס האט אפגיהילכט א גיזאנג, און דערמוטיגט פון דעם וויין האבן זיך די פיס געהויבן צום טאנץ, האט זאך אנגעהויבן דער האנט אויף אקסל טאנץ, זיי האבן גיטאנצט און גיזונגען העכער און העכער, די פאלעס פון די שווארצע יומטובדיקע סורטוקן זיינען גיפליגן אין דער לופט און אויסגעזען ווי פליגלען פון פויגל די פרויען האבן גיפאטשט מיט די הענט און גיהאלפן זינגען, אזוי האט מען פארבראכט זיך גיקושט און ווי ניט אין א היינטיקער וועלט צוויי טעג, מיט א פארבעטונג צו די פאמיליעס אויף חול המועד פסח ווען דער ספעקטאקל וועט מיט פרייד ווידער באנייט ווערן. דער גיזאנג ״קנעכט זיינען מיר גיוועזן אין



לאנד מצרים היינט זיינען מיר באפרייט״ און ״לשנה הבאה בירושלים״! האט מען זאך ווידער גיקושט און גיווינטשן צו דערלעבן איבער א יאר.

דאס זיינען מיינע זכרונות פון אמאל אין דער אלטער היים.

דויד בערמאן —

## רויזעלע פון גראנאדא

ווען איך שפיל פלאמענקא צו מיין רויזעלע,
ווי איך ליב מיין איין פלאמענקא־גיטארעלע,
מיין טייערע ליבע, שיינע, פלאמענקא־גיטארעלע.
איך האלט עס נאנט צו מיין הארץ, געליבטע,
ווי איך וואלט דיך האלטן אין מיין הענט, רויזעלע,
און שפיל א גראנאדא־פלאמענקא טענצעלע.

מיין שיין רויזעלע פון ראמאנטישן גראנאדא,
איי ווי זי קען טאנצן א סעפארדישן פעטענערא!
פאשטנדיק מיט אירע שיינע, קליינע הענטעלעך
און קלאפנדיק מיט אירע שיינע, קליינע פיסעלעך,
״אלע, אלע, רויזעלע!״ — רופן אלע פריינט אין גראנאדא
ווען זי קלאפט און טאנצט א פלאמענקא־זאמברא.

שטאלץ ווי א פרינצעסין איז מיין רויזעלע
אין איר פלאמיקער פלאמענקא־קלײדעלע!
איר שיין פיגורעלע איז אזוי ווי מיין גיטארעלע.
איך גלעט די סטרונעלעך און זינג צו מיין רויזעלע.
מיין יידישע פלאמענקא־טענצערין פון גראנאדא,
ווי איך ליב דיך ווען דו טאנצסט א פאנדאנגא!

א, טאנץ פאר מיר, טאנץ א גאנצע לבנהדיקע נאכט,
אין ראמאנטישן גראנאדא די לבנה לאכט!
אלע פאטשן מיט זייערע הענט ווען זי טאנצט
גיכער און גיכער אירע פלאמענקא־טענץ.
אלע, אלע, רויזעלע! ווען דו קנאקסט דיין פינגערלעך
און טאנצסט די גאנצע נאכט, קלאפנדיק מיט דיין פיסעלעך.

גיכער און גיכער טאנצט מיין רויזעלע,
אירע שווארצע אייגעלעך פינקלען ווי בריליאנטעלעך,
און זי הויבט איר קלײדעלע איבער אירע שיכעלעך,
טאנצנדיק און קלאפנדיק מיט אירע פיסעלעך.
ווען איך שפיל אויף מיין פלאמענקא־גיטארעלע
א גאנצע נאכט צו מיין טאנצנדיקער רויזעלע:

רויזעלע, מיין שיין פלאמענקא־פייגעלע
טאנצט, קלאפנדיק מיט אירע שיין פיסעלעך
אין גראנאדא דער כלה׳ס פארלאבונגס־טאנץ,
ווייל היינט איז אונזער חתונה־פיעסטא־טאנץ.
אלע, אלע, רויזעלע, מיין יידישע פלאמענקא־טענצערין
וועט באלד זיין מיין פלאמענקא־פרינצעסין!

סעם גאלדבערג —

יידישער שוישפילער און פאלקס זינגער:

## דער גרויסער פעסטיוואל פון יידישן געזאנג און מוזיק

### ביים ארבעטער־רינג, מיט דער קאאפעראציע פון יידישן ארטיסטן־פאריין

### אין ניו־יארק

זונטאג, דעם 1טן אויגוסט, 1979, האט די זון זיך געבארן אין שווערע וואלקנס. עס איז געווען ווי א געראנגל צווישן דער זון און די פינסטערע וואלקנס בנוגע ווער עס וועט וועמען באזיגן. דער "וועטער־נביא" האט פארויס־געזאגט, אז עס עט זיין שלעכט וועטער מיט שווערן רעגן.

פלוצלינג אבער, ארום האלב צוועלף, האט זיך דאס וועטער פארענדערט צום גוטן. די זון האט ממש גובר געווען די וואלקנס. זי האט גענומען שיינען מיט אירע גאלדענע שטראלן אזוי, אז עס איז געווארן זער הייס, גאר פשוט א שרעקלעכע היץ אפילו פאר ניו־יארק. די זון האט געבריט ווי פייער און מען האט זיך געמוזט באנוצן מיט די שירעמס, וואס לכתחילה האט מען זיך אנגע־גרייט קעגן רעגן.

איך פערזענלעך, דער שרייבער פון אט די שורות, בין מיר געזעסן אומגע־דולדיק און געשוויצט ווי אין א באד, ווארטנדיק אויף די אויפטריטן פון די יידיש־קינסטלער און בינו לבינו האבן יידן גענומען שטראמען פון אלע זייטן צום פרעכטיקן לינקאלן־צענטער, אין הארץ פון ניו־יארק, אויף בראדוועי, 62סטע גאס, וואו עס דריקט זיך אויס דאס קולטור־לעבן אין אמעריקע. דארט פירט מען אויף אפערעס, קלאסישע מוזיק, באלעט־טענץ און ענלעכע פאר־אנשטאלטונגען.

אונזער יידישער עולם אבער האט געשטראמט צו אן איינגארטיקער קולטור־אונטערנעמונג, צו א גרויסן פעסטיוואל פון יידישן געזאנג און מוזיק אין "דעמנאש פארק", איינגעארדנט פון וואונדערבארן און מעכטיקן ארבעטער־רינג מיט דער קאאפעראציע פון יידישן ארטיסטן־פאריין. צום ערשטן מאל דארטן, אדאנק דעם ארבעטער־רינג, האט דארט אפגעהילכט אויף יידישער פאלקלאר און יידישע געזאנגען. געווענלעך, קומען דארט פאר קאנצערטן פון



אלערליי פעלקער און לשונות, נאר דאס מאל איז עס געווען אן אויסנאם, דאס לשון איז געווען אונזער מאמע־לשון — יידיש! און אט דא מוז מען מיט דאנק דערמאנען דעם גרויסן קעמפער פאר יידיש, יוסף מלאטעק!

טויזנטער יידישע מענער און פרויען האבן זיך אויסגעזעצט אויף די פלעצער אין פארק, הונדערטער — אויף זייטיקע בענק צי אויף דער ערד אדער אויפן גראז. אפילו אויף דעכער דארטן האבן זיך געפונען פון אונזערע מענטשן, און ווער ס׳האט נישט געקענט געפינען קיין ארט פאר זיך צום זיצן איז געשטאנען ארום די זייטן.

דער פעסטיוואל האט זיך גערארפט אנהויבן 2 אזייגער נאכמיטאג, אבער ביי 12 אזייגער איז שוין דארטן געווען אזוי געפאקט, אז מען האט מער נישט געקענט געפינען קיין ארט וואו צו שטיין אדער וואו צו זיצן.

דאס פראגראם פונם פעסטיוואל האט זיך אנגעהויבן מיט א כלי־זמר גרופע, וואס האט אויפגעפירט יידישע חתונה־מוזיק. דער "קינג דעוויד"־אר־קעסטער איז ארויס מיט כמעט שוין פארגעסענע אבער הארציקע פאלקס־לידער, וואס זיינע מיטגלידער האבן געשפילט און אויך געזונגען. אט דער ארקעסטער באשטייט פון אן אמעריקאנער גרופע יוגנטלעכע, אונטער דער השגחה פון יידישן קאנגרעס.

דער יונגער קאמפאזיטאר און פיאניסט, זלמן מלאטעק, האט באגלייט די פראפעסיאנעלע יידישע קינסטלער אויף דער פיאנא. היינט־צו־טאג איז ער שוין איינער פון די בעסטע עקספערטן אויפן געביט פון יידישן פאלקסליד און יידישער נגינה. מזל און ברכה דארף מען אים ווינטשן צו זיין קאריערע אין דער הינזיכט. און א קינסטלער איז ער אן ספק.

פונם ווייטן סאן־פראנציסקא אזש איז אהערגעקומען אן אנדערע גרופע יוגנטלעכע מוזיקער זיך צו באשטייערן צום פעסטיוואל. מיט זייער פראגראם האט אנגעפירט דער זער טאלענטירטער דירעקטארן־אסיסטענט ביים ביל־דונגס־דעפארטאמענט פון ארבעטער־רינג, וואס בראש דארטן שטייט טאקע יוסף מלאטעק בכבודו ובעצמו, משה ראזענפעלד. ער האט געמאלדן, אז יוסף מלאטעק וועט מאכן די באגריסונג, און ווי נאר ער איז ארויף אויף דער בינע, האט דער עולם אים אויפגענומען מיט א געהעריקער אוואציע — אן אויסדרוק פון דעם עולמס אנערקענונג בנוגע זיינע פארדינסטן אינם קאמף פאר יידיש ווי אויך פאר זיין טעטיקייט פארן ארבעטער־רינג, פלאנענדיק ענערגיש און אנפי־רנדיק אומדערמידלער. אזעלכע אקציעס לטובת דער יידישער קולטור. "יידיש רעדן, לייענען א יידיש בוך, באזוכן א יידיש טעאטער הייסט טאקע זיין אויך א גוטער ייד", האט ער אויסגערופן אין זיין באגריסונגס־רעדע. יוסף מלאטעק רופט ווייטער צו שטארקן די יידישע פרעסע, די יידישע ליטעראטור, דאס יידישע טעאטער און בכלל אונזער קולטור־לעבן, ווייל דאס אלץ ברענגט אריין שיינקייט און דערהויבונג אין אונזער לעבן. "גדענקט צו רעדן יידיש מיט אייערע קינדער אין דער היים, כדי זיי זאלן נישט פארפרעמדט ווערן פון אונז", פאדערט ער פון עולם, "ווייל אויב זיי וועלן הערן דעם קלאנג פון יידיש פון

קליינוויז אן פון טאטע־מאמע, וועט עס גאראנטירן, אז די קינדער וועלן קענען אונזער לשון. אויב אבער איר וועט עס נישט טון, וועט איר באגיין א גרויסע זינד לגבי זיי. זאלן זשע אונזערע קינדער זיך אויסלעבן מיט יידיש ווי גוטע יידישע קינדער!"

זיכער איז יוסף מלאטעק א סארט שליח, א דינער פון יידישן פאלק. ער איז גאנץ איבערצייגט, אז יידן לעכצן נאך א יידיש ליד, נאך א יידיש קינסטלעריש ווארט.

דער פעסטיוואל איז באמת געווען א גרויסע מאניפעסטאציע אין א געהויבענער, יום־טובדיקער שטימונג.

אין שייכות דערמיט לוינט זיך צו ציטירן אייניקע ווערטער, וואס דער שרייבער, שמולעוויטש, האט פארעפנטלעכט אין "פארווערטס". "עס איז א באוויז, שרייבט ער, אז עס איז דא א יידיש לעבן און א גרויסער דראנט און בענקשאפט צו יידישער שפראך און קולטור. דארף מען זי שטיצן אומבאדינגט און שטארקן. נאך מער אויסברייטערן דארף מען זי, כדי יידן זאלן נישט בלייבן אפגעפרעמדט פון זייער שפראך".

אין די דרייסיקער יארן שוין האט יוסף מלאטעק פארעפנטלעכט אין דער ווארשאווער "פאלקסצייטונג" זיין ערשט קינדער־ליד:

יוסף מלאטעק אין מיין נאמען,
געבוירן א קעמפנדיקער ייד,
עס קעמפט מיין הארץ, מיין יידישע נשמה,
און ווערט קיינמאל נישט מיד,
ווייל איך בין א גלות־ייד.

אפט פרעגט ער, דער אייביק קעמפנדיקער יוסף מלאטעק, וואס איז די צוואה פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד? — נישט פארגעסן און נישט פארגעבן! טו איך גענוג צו העלפן מיין פאלק? און ווען ס'איז געקומען דער טאג פון דער אנטשטייאונג פון מדינת־ישראל, פריער א לאנד פון זומפן און מדבריות, און איצט א בליענדיקער גארטן פאר דריי מיליאן יידן, טו איך טאקע גענוג צו העלפן דאס לאנד און זיי? און וואס שייך יענע יידן, וואס קומען פון רוסלאנד, רייסנדיק זיך ארויסצוקריגן פון דארט ווי פון אמאליקן מצרים, כדי צו לעבן פריי אלס יידן סאי אין ארץ־ישראל סאי אין אנדערע לענדער, טו איך גענוג זיי צו העלפן?

אין זיין רעדע אויפן פעסטיוואל, האט יוסף מלאטעק אנגעוויזן ווי עס ליגט א מאראלישער חוב אויף אונז אלעמען צו שטארקן, צו דערמוטיקן, זיכער צו מאכן דעם יידישן המשך, כדי אונזער קולטור־גארטן זאל, חלילה, נישט פארוויאנעט ווערן... פערזענלעך בויג איך מיין קאפ מיט גרויס דרך־ארץ פאר מלאטעקן, וואס האמערט שטאל און אייזן פאר זיין פאלקס־קולטור, פאר זיין יידיש פאלק און יידיש־לשון. זאלן מזל און ברכה אים אים באגלייטן אין זיין טעטיקייט. אמן.

מלאטעק איז אויף פויליש א האמער. ווינטש איך אים ער זאל אלץ אויסהאמערן אין די ריכטיגע צייט:



TOWER
HAMLETS
LIBRARIES